# מיר – אַהין

## דרײַ מתּנות געבראַכט הלל צײַטלינען צום יובילעום

### צום שטערן

מיר בענקען נאָך דעם שענסטן פֿון די שטערן.
צו גרויסע הערצער האָבן מיר.
פֿאַרבלאָנזשעט ווערן דאָרט די הימלען,
ווײנען טיף אונדזערע נעכט,
בענקען נאָך דעם שענסטן פֿון די שטערן.

### צום טורעם

אויף צו הויכע פֿעלדזן שטייט אַ טורעם אין דער מיט פֿון אונדזער האַרץ.
ווען נאַכט דערהערט איר שטילסטע אשמורה, שפּאַצירט דאָרט עמעצער און זינגט.
מיר אַנען אַם שענסטן אין דער הויך און שטײַגן און בלײַבן אין וועג,
אויף צו הויכע פֿעלדזן שטייט אַ טורעם אין דער מיט פֿון אונדזער האַרץ.

### בלייכע

בלײַכע, צאַרטע ווי מלכים
חלומען מירבײַם ראַנד פֿון צו טיפֿן טויט ;
גרויזאַמע ווי שקלאַפֿן
פֿאַרשפּילן מיר זיך הייס מיט אונדזער בלוט.
דאָס האַרץ צערײַסן מיר אויף צווייען,
לאָזן אין דער מיט אַרײַנטאַנצן די נעכט
פֿריילעך־שוואַרץ, שכּור.
און אַז זיי ווערן זינדיק־מיד און פֿאַלן פֿון די פֿיס, Ь
שטייט נאָך אין זײַן גדלותדיקן עלנט
דערבלײַכער קעניג
און חלומט צאַרטבײַם ראַנד פֿון צו טיפֿן טויט.

---

דער מאָמענט (וואַרשע) 1921
12, נומ. 154
יולי 8, ז.5